# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:14
מוצאי שב"ק.....................5:45

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............................אסתר ט'-י'
בבלי..............בבא בתרא קנ"א
ירושלמי..................תענית ד'
תוספתא..................עוקצין א'
רמב"ם..............טומאת מת א'


פרשת חיי שרה, כ"ב חשון, שנת תשפ"ה לפ"ק
שנה 14, גליון 8 (676)


# אַ וָואֹרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיָּבֹא אַבְרָהָם לִסְפֹּד לְשָׂרָה וְלִבְכֹּתָהּ, וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן דִי עֲקֵדָה הָאט עֶר שׁוֹין גְלַייךְ גֶעהַאט נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע נִסָּיוֹן, זַיין וַוייבּ אִיז אַוֶועק, וְוִי רַשִׁ"י זָאגְט: "נִסְמְכָה מִיתַת שָׂרָה לַעֲקֵדַת יִצְחָק, לְפִי שֶׁעַל יְדֵי בְּשׂוֹרַת הָעֲקֵדָה, שֶׁנִּזְדַּמֵּן בְּנָהּ לִשְׁחִיטָה, וְכִמְעַט שֶׁלֹּא נִשְׁחַט, פָּרְחָה נִשְׁמָתָהּ מִמֶּנָּה וּמֵתָה", דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר שָׂרָה אַז מֶען הָאט אַרוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט אִיר זוּן צוּ שֶׁחְטְ'ן אִיז זִי גֶעשְׁטָארְבְּן; נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַ פְּלַאץ וואו אִיר צוּ בַּאעֶרְדִיגְן, עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייךְט אִין גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נִישְׁט טְרֶעפְנְדִיג קַיין פְּלַאץ וואו אִיר צוּ בַּאעֶרְדִיגְן, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן 'עֶפְרוֹן' וָואס הָאט אִים גֶעמַאכְט צוּ נַאר, קוֹדֶם הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר גֶעבְּט דֶעם שְׁטִיקְל פֶעלְד דִי מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה אוּמְזִיסְט אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶערוֹיף טֵייעֶר גֶעלְט. זֶעט מֶען דָא אַז וואו אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעקוּמֶען, וואו אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר נָאר גֶעהַאט נִסְיוֹנוֹת, עֶר הָאט נָאר גֶעהַאט שְׁוֶועריִקְייטְן, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַלֶע צַדִּיקִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, דָאס אִיז אָבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִּיק אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִים פִילֶע שְׁוֶועריִקְייטְן דָאךְ גְלֵייבְּט עֶר וַוייטֶער אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין קַשְׁיוֹת.

בְּפַּשְׁטוּת זֶעט אוֹיס וְוִי דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הוֹיכֶע זַאךְ, אַ מֶענְטְשׁ זָאל צוּקוּמֶען צוּ אַזַא מַדְרֵיגָה פוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ עֶס גֵייט אִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אָבֶּער אַז מֶען אִיז מְקוּרָב צוּ אַ צַדִּיק, אוּן מֶען לֶעבְּט מִיט דִי לִימוּדִים פוּנֶעם צַדִּיק, קֶען אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס סְפָרִים, קֶען יֶעדֶער פָּשׁוּטֶער אִיד צוּקוּמֶען צוּ דִי אַלֶע מַדְרֵיגוֹת. הַיינְט אִיז שׁוֹין מַמָּשׁ בִּיטוּל הַבְּחִירָה, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן', אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי 'שִׂיחוֹת' פוּן רֶבִּי'ן, אָבֶּער אַז עֶר מַאכְט זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מוֹהֲרָא"שׁ'ס סְפָרִים, אִין דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוְון אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן קוּנְטְרֵסִים אוֹיף אַלֶע שְׁפְּרַאכְן, קֶען אֲפִילוּ דֶער פָּשׁוּטְסְטֶער מֶענְטְשׁ צוּקוּמֶען צוּ דִי אַלֶע מַדְרֵיגוֹת.

אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף גוּט, עֶר טוּט גוּטֶע זַאכְן, עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אָבֶּער עֶר זֶעט נִישְׁט אַז עֶר זָאל וֶוערְן גֶעהָאלְפְן, הֵייבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס אָן טְרַאכְטְן: "וָואס הֵייסְט? וָואס גֵייט פָאר מִיט מִיר? אִיךְ זֶע אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, דֶער דַאוֶוענְט נִישְׁט - אוּן עֶס גֵייט אִים גוּט, דֶער לֶערְנְט נִישְׁט - אוּן עֶר קוֹיפְט אוּן פַארְקוֹיפְט, עֶר אִיז מַצְלִיחַ, דֶער טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן - אוּן אַלֶעס גֵייט אִים כְּסֵדֶר, אוּן אִיךְ בִּין אַזוֹי גוּט, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ זַיין אַזוֹי עֶרְלִיךְ, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה!" דַארְף עֶר גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה צוּ הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִּיק, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד אִיז אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס זֶענֶען דִי אַלֶע סֶדְרוֹת וָואס מֶען לֶערְנְט יֶעצְט, וואו מֶען זֶעט וְוִי דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי גֶעמוּטְשֶׁעט, דִי פְּלִשְׁתִּים הָאבְּן פַארְשְׁטָאפְּט דִי קְוֶועלֶער וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעגְרָאבְּן אוּן יִצְחָק אָבִינוּ הָאט גֶעדַארְפְט זוּכְן וַואסֶער אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי אִיז עֶס מִיט אַ מֶענְטְשׁ, עֶר זוּכְט צוּ מַצְלִיחַ זַיין אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, דַארְף עֶר וִויסְן דָאס וְוִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן וְוִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וְוִיל אִיז גוּט.

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִּיק, אוּן דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֵיינֶער וָואס דְרֵייךְט זִיךְ אִין אַ פְּלַאץ וואו מֶען רֶעדְט דִיבּוּרִים פוּן אַ צַדִּיק, אוּן הָאט אַ שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן צַדִּיק; וְוִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן? אַז מֶען וֶועט אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן אִין זִיךְ, מֶען וֶועט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים - דַאן בַּאקוּמְט מֶען אַ שַׁיְיכוּת צוּם רֶבִּי'ן. לָאמִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּי'נְס סְפָרִים, לָאמִיר מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל'. אַז מֶען לֶערְנְט 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' - הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סֵפֶר הַמִּדּוֹת; אַלֶעס לִיגְט דֶערִין, דָאס וֶועקְט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים זֶענֶען מְחַזֵּק אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעדֶע תְּפִלָּה גֵייט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וָואס אִיךְ זֶע נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה אִיז וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר, אָבֶּער מַיינֶע תְּפִלּוֹת אוּן מַיין גֶעוֵויין פַאלְן נִישְׁט אַוֶועק, עֶס וֶועט מִיר בְּרֶענְגֶען אַ אַנְדֶערֶע יְשׁוּעָה וָואס אִיז יָא גוּט פַאר מִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ גֶעבְּן אַנְשְׁטָאט דֶעם.

מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן "פַארְוָואס וֶוער אִיךְ נִישְׁט גֶעהָאלְפְן?" וַוייל דָאס אִיז זִיכֶער גוּט פַאר מִיר, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֶען דָאס גוּטְס, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פַארְשְׁטֵיין אַז אַזוֹי אִיז גוּט פַאר מִיר". דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר** זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. (אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, חַיֵּי שָׂרָה תשפ"ב)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן

אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג זָארְגְן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, צוּ זֶען אוֹיבּ יֶענֶער הָאט אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף. אוּן אוֹיבּ הָאט יֶענֶער נִישְׁט, דַארְף מֶען זֶען מִיט וָואס עֶר קֶען יֶענֶעם אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין זַיין פְּרָאבְּלֶעם.

מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ לִיבּ צוּ זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ'ס רוּחְנִיּוּת, זִיכֶער צוּ מַאכְן אַז יֶענֶער טוּט טַאקֶע נָאר וָואס עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן. דָאס אִיז אָבֶּער זֵייעֶר נִישְׁט רִיכְטִיג. אַוַודַאי דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן מְחַזֵּק צוּ זַיין אַ צְוֵוייטְן, אִים צוּ זָאגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן אַזוֹי אִים הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיּוּת, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ אָבֶּער זָארְגְן פַאר יֶענֶעמְ'ס גַשְׁמִיּוּת. אוּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ הֶעלְפְן אוּן צוּ טוּן אַ טוֹבָה פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד.

בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִין שׁוּל אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעהַאט אַ שְׁוֶוער לֶעבְּן אוּן עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט פַארְשִׁידֶענֶע צָרוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְזִינְקֶען אִין חוֹבוֹת אוּן מֶען הָאט אִים שׁוֹין מַמָּשׁ גֶעוָואלְט אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן זַיין דִירָה. אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען אִיז

<<<<<<

# א גוט ווארט

אִיךְ וְוִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט לֶערְנֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶוען מֶען מַאכְט בַּיי עֶנְק אִין שׁוּל אָבוֹת וּבָנִים, אָבֶּער זָאלְסְט וִויסְן אַז אָבוֹת וּבָנִים מֵיינְט נִישְׁט זָאלְסְט פַארְהֶערְן דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי וַוייסְן אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט דִי לִימוּדִים; אָבוֹת וּבָנִים אִיז פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי קִינְדֶער, שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי קִינְדֶער, מִיט יֶעדְן קִינְד לוֹיט זַיין מַצָּב, אוֹיךְ אַבִּיסְל לֶערְנֶען, זֵיי וַוייסְן אַז זֵיי קֶענֶען יָא.

פָארִיגֶע וָואךְ קוּמְט צוּ מִיר אַ טַאטֶע מַמָּשׁ אוֹיסֶער זִיךְ, אַז בַּיי אָבוֹת וּבָנִים צֶעקְרִיגְט עֶר זִיךְ מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי ווִילְן נִישְׁט לֶערְנֶען, עֶר אִיז מַמָּשׁ אוֹיסֶער זִיךְ... אִיךְ זֶע אַז נִישְׁט אַלֶע וֵוייסְן וָואס אָבוֹת וּבָנִים אִיז, עֶס אִיז אַ צַייט צוּ גֶעבְּן פַאר יֶעדְן קִינְד אַפָּאר מִינוּט, אוֹיסְהֶערְן אוּן דֶערְצֵיילְן אוּן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּרָא תשפ"ה)

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ וֶוען עֶס דְרוּקְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מָאל חַזֶר'ט אוּנְז מוֹהֲרָא"שׁ דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (תַּנְחוּמָא שְׁמִינִי, ב): "אֵין הַשִּׂמְחָה מַמְתֶּנֶת לָאָדָם. לֹא כָּל מִי שֶׁשָּׂמֵחַ הַיּוֹם שָׂמֵחַ לְמָחָר", מוֹהֲרָא"שׁ בֶּעט זִיךְ בֵּיי אוּנְז, זַיי פְרֵיילִיךְ, שְׁטוּפּ עֶס נִישְׁט אָפּ אוֹיף מָארְגְן, וָואס וֵוייסְטוּ וָואס מָארְגְן וֶועט זַיין, זַיי פְרֵיילִיךְ הַיינְט, אוּן אַז דוּ הָאסְט צָרוֹת אוּן יִסוּרִים - זָאלְסְטוּ נָאכְאַלְץ זַיין פְרֵיילִיךְ. מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד רֶבִּי אַהֲרֹן קִיבְּלִיטְשֶׁער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶער אִידֶ'ל, שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עָנִי וְאֶבְיוֹן. וֶוען זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים פְרֶעגְן: "אַהֲרֹן, פַארְוָואס בִּיסְטוּ פְרֵיילִיךְ, הָאסְט דָאךְ גָארְנִישְׁט?" הָאט עֶר אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ גְלֵייבְּסְט דָאךְ אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גוּט, נוּ, אִיךְ בָּארְג אוֹיס שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט אוֹיף יֶעצְט"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֵיינֶער וָואס גֵייט שְׁטֶענְדִיג אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ.

פְרֵיי זִיךְ מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי', אַ גּוֹי בִּיסְטוּ נִישְׁט, וָואס דוּ זָאלְסְט נָאר נִישְׁט זַיין, אָבֶּער אַ גּוֹי בִּיסְטוּ נִישְׁט; בִּיסְט גֶע'מַלְ'ט, בִּיסְט אָנְגֶעפִילְט מִיט מִצְוֹת, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה כז.), אֲפִילוּ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל - "מְלֵאִים מִצְווֹת כְּרִמּוֹן", זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט מִצְווֹת אַזוֹי וִוי אַ מִילְגְרוֹים; פְרֵיי זִיךְ מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי', דִי גְרֶעסְטֶע צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ מִיט דֶעם מְחַיֶ' גֶעוֶוען.

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט, אִינְדֶערְפְרִי וֶוען עֶר אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן מַאכְט עֶר גְלַייךְ דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי'. אוֹיךְ זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (סֵפֶר שֵׁם מִשְּׁמוּאֵל פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, שְׁנַת תרע"ז), אוֹיפְן גָאוֹן וְצַדִּיק רֶבִּי יוֹנָתָן אֵייבְּשִׁיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מֶען הָאט אִים גֶעהֶערְט אוֹיסְלָאזְן דִי בְּרָכָה שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי, מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט דֶערוֹיף, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד - הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן דִי בְּרָכָה", אוּן אַז דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ מְחַיֶ' גֶעוֶוען מִיט דֶעם - אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דֶעם.

עַצְבוּת וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן, דַאֲגוֹת וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן; דַאֲגוֹת וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן, אוּן עַצְבוּת וִויל אִיךְ נִישְׁט זָאגְן וָואס עֶס קֶען מַאכְן, דָאס עֶרְגְסְטֶע וָואס קֶען נָאר זַיין, אוּן אַז דוּ בִּיסְט גֶעדְרוּקְט אִין פַּרְנָסָה - קֶענְסְטוּ נָאךְ בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז עֶס דְרוּקְט דִיר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ - זָאלְסְטוּ נָאךְ בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ; מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, דִי וֶועלְט עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין פְּרָאבְּלֶעם, מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, מֶען דַארְף אִים מוּטְשֶׁען בִּיז מֶען זֶעט דִי יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵּי שָׂרָה תשפ"ה)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ אִיד אוּן אִים פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס זַיין תְּפִלִּין לִיגְט נִישְׁט אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן פְלַאץ... דֶער אִיד הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף יֶענֶעם: "וָואס וִוילְסְטוּ פוּן מִיר? אוֹיבּ זָארְגְסְטוּ זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פַאר מִיר, דַאן זָאלְסְטוּ זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ זָארְגְן פַאר מַיין גַשְׁמִיוּת אוּן נִישְׁט פַאר מַיין רוּחְנִיוּת"...

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזֶען וָואס דָארְט אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אוּן עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִיד אוּן הָאט אִים זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אוּן דַאן אִיז מוֹהֲרָא"שׁ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין שְׁמוּעֶס אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן זָאגְן: "קוֹדֶם זָארְג זִיךְ פַאר מַיין גַשְׁמִיוּת. מִיט מַיין רוּחְנִיוּת וֶועל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן, מִיט מַיין גַשְׁמִיוּת וָואלְסְטוּ מִיר גֶעקֶענְט אַרוֹיסְהֶעלְפְן"...

רֶבִּי מֶעכֶעלֶע ז"ל - עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער זוּן פוּן רֶבִּי יִצְחָק ז"ל, דֶער זוּן פוּן רֶבִּי נָתָן - הָאט אַמָאל גֶעהַאט צוּ זִיךְ אַלְס גַאסְט, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער ז"ל. רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן רֶבִּי מֶעכֶעלֶע אַז עֶר זָאל אִים אוֹיפְוֶועקְן בַּיינַאכְט בַּיי חֲצוֹת. לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר אִים נִישְׁט אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן דֶערוֹיף. הָאט אִים רֶבִּי מֶעכֶעלֶע גֶעזָאגְט: "מַיין טַאטֶע פְלֶעגְט מִיר נָאכְזָאגְן פוּן מַיין זֵיידְן רֶבִּי נָתָן אַז אַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ דַארְף זִיךְ נָאר זָארְגְן פַאר דִי גַשְׁמִיוּת פוּן זַיין גַאסְט, אוּן נִישְׁט אוֹיף זַיין רוּחְנִיוּת.

דָאס אָבֶּער נִישְׁט נָאר בַּיי אַ מַכְנִיס אוֹרֵחַ. מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ טְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד. אוּן לַאו דַוְקָא בְּרוּחֲנִיוּת, נָאר טַאקֶע בְּגַשְׁמִיוּת.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אָבֶּער זַיין גְרֵייט נִישְׁט צוּ וַוארְטְן אוֹיף אַן הַכָּרַת הַטּוֹב. נִישְׁט אֵייבִּיג וֶועט דֶער צְוֵוייטֶער מַכִּיר טוֹבָה זַיין אוֹיף דֶעם וָואס מֶען הָאט אִים גֶעהָאלְפְן. לֵיידֶער אִיז דָא אַ שְׁלֶעכְטֶע טֶבַע בַּיי מֶענְטְשְׁן אַז עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער צוּ מַכִּיר טוֹבָה זַיין דֶעם וָואס הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן, אוּן אַמָאל קֶען עֶס נָאךְ גֵיין נָאךְ וַוייטֶער אַז יֶענֶער אִיז גָאר אַ "מְשַׁלֵּם רָעָה תַּחַת טוֹבָה" - אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען אוּן מַכִּיר טוֹבָה זַיין, וֶועט גָאר יֶענֶער צוּרִיק טוּן שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען אַ אִיד מֵיינְט עֶס אָבֶּער מִיט אַן אֱמֶת, עֶר וִויל בֶּאֱמֶת הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, וֶועט עֶר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם. עֶר וֶועט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ וֶוען עֶר בַּאקוּמְט גָארְנִישְׁט צוּרִיק דֶערְפַאר.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ח' עֶרֶךְ עֶזְרָה וְחֵלֶק ט' עֶרֶךְ צְדָקָה)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

**כ. מִי שֶׁמַּעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו, תְּפִלָּתוֹ נִשְׁמַעַת. וֶוער עֶס גֶעבְּט נָאךְ, וֶוערְן זַיינֶע תְּפִילוֹת אָנְגֶענוּמֶען.**

פַארְוָואס קְרִיגְסְטוּ זִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ טָאג אוּן נַאכְט? וָואס אִיז דִי שֵׂכֶל פוּן זִיךְ קְרִיגְן?! דוּ פַארְטְרַייבְּסְט דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה פוּן שְׁטוּבּ אוּן עֶס קוּמְט עֲנִיּוּת אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דוּ פְרֶעגְסְט פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט אַלְץ זַיין דֶער וָואס אִיז מְוַתֵּר, זָאל זִי מְוַתֵּר זַיין; טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, מְוַותֵּר זַיין אִיז נִישְׁט קֵיין עוֹנֶשׁ, מְוַתֵּר זַיין אִיז נִישְׁט קֵיין קְנָס, דֶער קְלוּגֶער אִיז מְוַתֵּר; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית טז.): "עָלוּב וְשֶׁאֵינוֹ עָלוּב", וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ אוּן אֵיינֶער אִיז קְלוּג אוּן קֶען דֶערְהֵייבְּן וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים אוּן דֶער אַנְדֶערֶער נִישְׁט, "מִי נִדְחֶה מִפְּנֵי מִי", וֶוער דַארְף נָאכְגֶעבְּן? אַוַדַאי דֶער וָואס קֶען מֶער פַארְנֶעמֶען; דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רב) מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג מְוַותֵּר זַיין פַאר דִי וַוייבּ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה'ן, מֶען זָאל זֵיי נָאכְגֶעבְּן; וֵוייס אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אַז דוּ דַארְפְסְט אַלְץ מְוַתֵּר זַיין.

גֶעבּ נָאךְ אִין שְׁטוּבּ, זַיי אַ וַתְּרָן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת כַּעַס, סִימָן ו): "הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב לְמִי שֶׁאֵינוֹ כּוֹעֵס", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דֶער וָואס רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף, "וּלְמִי שֶׁאֵינוֹ מַעֲמִיד עַל מִדּוֹתָיו", אוּן אוֹיךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ דֶעם וָואס גֶעבְּט נָאךְ; פַארְדֶעם אַלֵיין אִיז וֶוערְד נָאךְ צוּ גֶעבְּן, צוּ וֶוערְן בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַז דוּ וֶועסְט נָאכְגֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר נָאכְגֶעבְּן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן צח): "מִי שֶׁמַּעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו, מַעֲבִירִין לוֹ עַל כָּל פְּשָׁעָיו", וֶוער עֶס גֶעבְּט נָאךְ אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע זִינְד; וִויפִיל דַארְפְן מִיר תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים... אוּן דָא הָאבְּן מִיר אַ וֶועג וִוי מִיר קֶענֶען אַלֶעס אָפְּוִוישְׁן; עֶס אִיז וֶוערְד צוּ שְׁוַוייגְן אִין שְׁטוּבּ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה.

בִּזְכוּת דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט סוֹבֵל זַיין אִין שְׁטוּבּ, דוּ וֶועסְט מְוַותֵּר זַיין אִין שְׁטוּבּ - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָנְנֶעמֶען דַיינֶע תְּפִילוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן כ): "מִי שֶׁמַּעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו, תְּפִלָּתוֹ נִשְׁמַעַת", וֶוער עֶס גֶעבְּט נָאךְ, וֶוערְן זַיינֶע תְּפִילוֹת אָנְגֶענוּמֶען.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמוֹת תשפ"ד)

## לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (קפג)

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט, "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט צוּם גוּטְן אַז וֶוען אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז מַיין שְׁוֶוער גֶעוֶוען דֶער רָב נָאר אִין דִי קְהִלָּה קְדוֹשָׁה אִין קְרֶעמְנִיץ אוּן דִי אוּמְגֶעגְנְט, אוּן נָאךְ אַ דְרֵיי פִיר יָאר אִיז עֶר אוֹיפְגֶענוּמֶען אַלְס רָב אוֹיךְ אִין שְׁטָאט מָאהְלוּב, אוּן דֶעמָאלְט אִיז מַיין וַוייבּ גֶעפָארְן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן אִין מָאהְלוּב".

**תרכז**

דָאנֶערְשְׁטָאג, י"ג תשרי, אִיז רֶבִּי נָתָן אָנְגֶעקוּמֶען קֵיין מָאהְלוּב, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעטְרָאפְן זַיין שְׁוֶוער אִינְדֶערְהֵיים, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין קְרֶעמְנִיץ.

דֶער שְׁוֶוער פוּן רֶבִּי נָתָן, הַגָאוֹן הַמְפוּרְסָם רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זַ"ל, הָאט גֶעדִינְט אַלְס רָב אִין דְרֵיי גְרוֹיסֶע וֶועלְט-בַּאקַאנְטֶע שְׁטֶעט, מָאהְלוּב, שַׁארִיגְרַאד, אוּן קְרֶעמְנִיץ.

אוֹיסֶער זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע גְאוֹנוּת, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ סִינַי וְעוֹקֵר הָרִים, אִיז עֶר אוֹיךְ גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, "דַיין שְׁוֶוער אִיז אַ צַדִיק". פַאר גַאנְצֶע פֶערְצִיג יָאר הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ בֶּעט צוּ שְׁלָאפְן, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ נָאר אָנְלַיינֶען אוֹיפְ'ן טִישׁ, אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁלָאפְן בַּיים טִישׁ הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אַ לִיכְט אִין דִי הַאנְט, אוּן וֶוען דִי פֵייעֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין הַאנְט, הָאט עֶר זִיךְ גֶעמוּזְט אוֹיפְוֶועקְן, אוּן דַאן אִיז עֶר צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען לֶערְנֶען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַתְמָדָה אוּן פְלַייס.

אַ גַאנְצֶע וָואךְ הָאט עֶר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוַואשְׁן צוּ אַ גֶעהֶערִיגֶע סְעוּדָה, צוּלִיבּ זַיינֶע פִילֶע חוּמְרוֹת אִין נְטִילַת יָדַיִם, עֶר הָאט נָאר גֶעגֶעסְן מְזוֹנוֹת, נָאר אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ הָאט עֶר זִיךְ גֶעוַואשְׁן מִיט גֶעוַואלְדִיגֶע חוּמְרוֹת.

עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַ יָתוֹם נָאךְ אַלְס קִינְד, אוּן זַיין טַאטֶע פְלֶעגְט קוּמֶען צוּ אִים נָאךְ זַיין הִסְתַּלְקוּת צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים תּוֹרָה, דָאס הָאט אָנְגֶעהַאלְטְן פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, בִּיז וֶוען מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן דֶערְפוּן אוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט קוּמֶען צוּ אִים.

הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזֶעבִּיזְשׁ זי"ע, אַ פֶעטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט מֵעִיד גֶעוֶוען אוֹיף אִים אַז אֵלִיָהוּ הַנָבִיא בַּאגְלֵייט אִים אַלֶעמָאל.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

הַיינְטִיגֶע צַייטְן, וֶוען מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי בְּרֶסְלֶבּ'עֶ קוּנְטְרֵסִים, וָואס זֶענֶען דִי "סוֹלֶת בְּרוּרָה", אַרוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דָאס בֶּעסְטֶע אוּן דֶער תַּמְצִית, פוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן אוֹיבּ מֶען וֶועט רֶעדְן צוּ אֵיינֶעם וְוִיל נִישְׁט בֶּאֱמֶת הֶערְן, מֶען דַארְף נָאר זֶען אַז יֶעדֶער אִיד זָאל בַּאקוּמֶען עֶטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים, אוּן דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים וֶועלְן שׁוֹין טוּן דִי רִיכְטִיגֶע אַרְבֶּעט, זֵיי וֶועלְן שׁוֹין צִיעֶן דֶעם אִיד צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוער עֶס לֶערְנְט דִי קוּנְטְרֵסִים מִיט אַן אוֹיפְרִיכְטִיגְן בְּלִיק, וֶועט זֶען דֶעם אֱמֶת. דִי הֵיילִיגֶע קוּנְטְרֵסִים רֶעדְן פַאר זִיךְ אַלֵיין, זֵיי דֶערְנֶענְטֶערְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(אִמְרֵי מוֹהֲרַא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן ל"ה)

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# גֵיין אִין יְשִׁיבָה, אָדֶער קוֹדֶם חַתוּנָה הָאבְּן?




*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל וְויל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֶנְטְפֶער וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף מַיין שְׁאֵלָה אוֹיבּ אִיךְ זָאל עֶנְדֶערְשׁ מִתְפַּלֵל זַיין צוּ קֶענֶען גֶעבְּן אַ גֶט פַאר מַיין וַוייבּ, אָדֶער אַז זִי זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית אַז אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם גֶט אִין דִי זֶעלְבֶּע וָואךְ וָואס דִי בְּרִיוו אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן אִין "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה". דִי עֶנְטְפֶער פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז מִיר גֶעוֶוען כְּמַיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּג וֶוערְטֶער זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי חִיזוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וְוי אַזוֹי צוּ גֵיין פוּן דָא אוּן וַוייטֶער. אִיךְ בִּין אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה, 30 יָאר אַלְט, וְוי גֶעשְׁרִיבְּן בִּין אִיךְ יֶעצְט אַ גָרוּשׁ אָן קִינְדֶער; אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס בַּבְלִי אוּן יְרוּשַׁלְמִי, אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט צֶענְדְלִיגֶע מָאל מִשְׁנַיוֹת אוּן תִּיקוּנֵי זוֹהַר, אוּן נָאךְ פִילֶע שִׁיעוּרִים אִין אַנְדֶער חֲלָקִים פוּן דִי תּוֹרָה, אַלֶעס דוּרְךְ דֶעם גֶעוַואלְדִיגְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאבּ לֵיידֶער נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְצוּוַואקְסְן מִיט אַן עֶרְלִיכֶע חִינוּךְ אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, אוּן אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעשְׁפִּירְט אַז דָאס אַפֶעקְטִירְט מִיר שְׁטַארְק אִין לֶעבְּן, אוּן דֶערִיבֶּער טְרַאכְט אִיךְ אַז אֶפְשָׁר אִיז כְּדַאי אַז אִיךְ זָאל יֶעצְט אַרַיינְגֵיין אִין אַ יְשִׁיבָה פַאר בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה פַאר אַ שְׁטִיק צַייט כְּדֵי זִיךְ בֶּעסֶער זִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פִיס, אוּן אֶפְשָׁר זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן פוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער אִין דִי לֶעצְטֶע יָאר, אוּן אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ דָארְט אוֹיךְ בַּאקוּמֶען דִי כֵּלִים צוּ קֶענֶען פְּרוּבִּירְן צוּ לֶערְנֶען אוֹיךְ בְּעִיוּן; אָדֶער אִיז מַיין פְלִיכְט יֶעצְט צוּ זוּכְן וְוי שְׁנֶעלֶער אַ שִׁידוּךְ, נָאכְ'ן זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דִי טָעוּתִים פוּן מַיין עֶרְשְׁטֶע חַתוּנָה?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר מַדְרִיךְ זַיין וָואס צוּ טוּן.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵרָא, י"ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְפְסְטוּ חַתוּנָה הָאבְּן, אָן אַ וַוייבּ אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער. דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (וַיִקְרָא ה:): "**כָּל מַאן דְלָא אִשְׁתְּכַח דְכַר וְנוּקְבָּא**", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חַתוּנָה, "**כָּל שְׁבָחָא אַעְדוֹי מִנֵיהּ**", דֶער הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם לוֹיבּ, "**וְלָאו הוּא בִּכְלָלָא דְאָדָם**", דֶער אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְנְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ, "**וְלֹא עוֹד, אֶלָּא דְלָאו אִיהוּ כְּדַאי לְאִתְבָּרְכָא**", אוּן עֶר אִיז נִישְׁט וֶוערְד צוּ וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט, אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִדּוּשִׁין כט:): "**אִם אִי אֶפְשָׁר לוֹ בְּלֹא אִשָּׁה**", אוֹיבּ אִיז אִים נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ זַיין אָן אַ וַוייבּ, "**יִשָּׂא אִשָּׁה**", זָאל עֶר חַתוּנָה הָאבְּן, "**וְאַחַר כַּךְ יִלְמֹד תּוֹרָה**", אוּן נָאכְדֶעם זָאל עֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען קֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שָׁם): "**בֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וְלֹא נָשָׂא אִשָּׁה**", אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט חַתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי צְוָואנְצִיג - "**כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה**", וֶועט מֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שָׁם), רַב חִסְדָא הָאט אוֹיסְגֶערִימְט פַאר רַב הוּנָא דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רַב הַמְנוּנָא, אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, הָאט רַב הוּנָא גֶעבֶּעטְן פוּן רַב חִסְדָא, אִיךְ וְויל אִים זֶען; וֶוען עֶר קוּמְט צוּ דִיר זָאלְסְטוּ אִים אַהֶער שִׁיקְן. "כִּי אָתָא, חַזְיֵיהּ דְלָא פָּרִיס סוּדָרָא", וֶוען רַב הַמְנוּנָא אִיז גֶעקוּמֶען הָאט רַב הוּנָא גֶעזֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין טַלִית, הָאט עֶר אִים

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

גֶעפְרֶעגְט: "מַאי טַעְמָא לָא פְּרִיסַת סוּדָרָא", פַארְוָואס גֵייסְטוּ נִישְׁט מִיט קֵיין טַלִית? הָאט אִים רַב הַמְנוּנָא גֶעעֶנְטְפֶערְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, "אַהֲדְרִינְהוּ לְאַפֵּיהּ מִינֵיהּ", הָאט רַב הוּנָא אַוֶועק גֶעדְרֵייט זַיין פָּנִים פוּן אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט: "חָזִי דְּלָא חֲזִית לְהוּ לְאַפֵּי עַד דְּנָסְבַת", דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר, וַוייל אִיךְ וִויל נִישְׁט זֶען דַיין פָּנִים בִּיז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה.

חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן זִיךְ אַוֶועק שְׁטֶעלְן לֶערְנֶען וְכוּ' אִיז נִישְׁט קֵיין סְתִירָה, גֵיי אִין אַ יְשִׁיבָה, זוּךְ אַ יְשִׁיבָה וָואס אִיז גֶעאֵייגְנֶט פַאר דִיר, וואוּ דוּ וֶועסְט קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען, אוּן גְלַייךְ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ דִיר אַ שִׁידוּךְ - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אָפְּזָאגְן מִיט נַארִישֶׁע חָכְמוֹת פוּן וַוארְטְן בִּיז דוּ וֶועסְט אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס, נָאר תֵּיכֶף גֵיין צוּם שִׁידוּךְ, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (פְּסָחִים קיב:): "מִצְוָה וְגוּף טָהוֹר", וֶועֶר עֶס וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ רֵיינְקֵייט, מִיט אַ הֵיילִיגְקֵייט, "נוֹשֵׂא אִשָּׁה", זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן, "וְלוֹ בָּנִים", עֶר זָאל זַיין מִיט אַ וַוייבּ אוּן הָאבְּן קִינְדֶער.

גֵיי קֵיין יַבְנְאֵל צוּ מוֹהֲרָא"שׁ'ס צִיּוּן אוּן זָאג דָארְט אוּיס תְּהִילִים. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה (צַוָּואַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת ה): **"אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוּיף מַיין קֵבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִרְא תשפ"ה)

# כולל היכל הקודש

א הארציגן דאנק לידידינו היקרים

מו"ה **מרדכי היימליך** הי"ו

און מו"ה **שמואל אייכנשטיין** הי"ו

פאר'ן מנדב זיין

**פרנס החודש - חודש חשון**

און דעמיט זוכה געווען צו נעמען א חלק אין

די לימוד התורה פון די לומדי הכולל

**בזכות דעם זאלט איר געבענטשט ווערן מיט אלעס גוטס**

# סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יואל לעווי** הי"ו בני ברק

עורך הקונטרס הנפלא "אשית עצות בנפשי"

**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**

הבחור **פנחס זעליג** הי"ו

***

מו"ה **מרדכי וועבערמאן** הי"ו ירושלים עיה"ק

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **יצחק יעקב יעקבזאן** הי"ו בני ברק

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# פילע נייע הייזער פארענדיגט

# מיט הצלחה ברוך ה'

שטייענדיג אין די לעצטע פאזעס ביי פילע אידן וואס פארענדיגן יעצט בויען זייערע פראכטפולע הייזער, איז גרויס די שמחה אז דעם מאנטאג פרשת תולדות וועט פארענדיגט ווערן גאר א גרויסע צאל געביידעס, מיט'ן סיום **ששה סדרי תוספתא** מיט'ן סדר פון די קהלה, וואס מיט דעם זענען פילע אידן זוכה צו ענדיגן א **בי"ת** נצחי, אן אייביגע הויז, אין וואס זיי וועלן קענען וואוינען און זיך באשיצן מיט הרחבת הדעת און שלוות הנפש אויף די וועלט און אויף יענע וועלט, און גלייך א טאג שפעטער, דינסטאג תולדות, הויבט מען דעם פיר און צוואנציגסטע מחזור פון תוספתא יומי, מען הויבט אן דעם ערשטן פרק, ברכות פרק א'.

שוין פילע צענדליגע יארן וואס ס'איז איינגעפירט ביי אנשי שלומינו צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא פון תלמוד בבלי און א דף פון תלמוד ירושלמי, אזוי ווי עס איז געדרוקט אין די לוח ברסלב. אין יאר תשנ"ח לפ"ק, אינעם יום טוב שבועות, דער טאג וואס מיר זענען מקבל די תורה פון דאסניי, האט מוהרא"ש צוגעלייגט אז מען זאל אויך לערנען יעדן טאג א פרק פון תוספתא, און מיט דעם האט מען א גאנצע **"בית"**, **ב**'בלי **י**'רושלמי **ת**'וספתא, און שפעטער האט דער ראש ישיבה שליט"א צוגעלייגט אויך די לימודים פון א פרק רמב"ם און צוויי פרקים נ"ך יעדן טאג.

מען זעהט אז בגשמיות זוכט יעדער צו האבן א שיינע געשמאקע גרויסע הויז פאר זיך און פאר די משפחה מיט ישוב הדעת, און אזוי זאגן חז"ל (סוכה נ"ז:) אז א דירה נאה איז איינס פון די זאכן וואס זענען מרחיבין דעתו של אדם. און אויב אזוי דארף דאך א מענטש זיכער זוכן אז ער זאל האבן א שיינע גוטע הויז אויך אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט אויף אייביג, און מיט דעם וואס מען לערנט יעדן טאג **ב**'בלי **י**'רושלמי און **ת**'וספתא, וואס איז די ראשי תיבות **"בית"**, און מען גייט עס איבער איין מאל און נאכאמאל, מיט דעם בויעט מען זיך אויף א שיינע הערליכע געשמאקע הויז אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט פארן מענטש אויף אייביג.

מען זעט ליידער מענטשן וואס עס קען זיי דורכגיין די גאנצע זיבעציג יאר און זיי האבן נישט זוכה געווען אפילו איין מאל אדורך צו גיין און ענדיגן בבלי ירושלמי און תוספתא, און זיי גייען אוועק פון די וועלט אן קיין תורה, און עס איז א גרויס רחמנות אויף זייערע נשמות. דעריבער דארף מען האבן שכל און זעהן ארייננצוכאפן צו לערנען יעדן טאג כאטש א דף בבלי, א דף ירושלמי און א פרק תוספתא, און מיט גרייט מען זיך אן גוטע שפעזן מיטצונעמען אויף יענע וועלט.

אויך אויף די וועלט דערציילן פילע אנשי שלומינו אז זיי האבן זיך פארגענומען צו לערנען יעדן טאג בבלי ירושלמי און תוספתא, און דורך דעם האבן זיי זוכה געווען גרינגערהייט צו באקומען שיינע הערליכע גרויסע הייזער מיט הרחבת הדעת.

דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א סדר דרך הלימוד (שיחות הר"ן סימן ע"ו), א וועג צו לערנען, וואס איז געאייגנט פאר יעדן איינציגן איד, אין יעדע צייט, און אין יעדע מצב. מען קען זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה, אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען זאגט און אפילו מען געדענקט נישט וואס מען האט געלערנט. עס הערט זיך מאדנע צום ערשטן מאל, אבער אז מען פרובירט עס אויס זעט מען די געוואלדיגע תועלת און הצלחה וואס מען באקומט דערפון, טעמו וראו כי טוב ה', מען דארף עס פרובירן צו שפירן די געוואלדיגע זיסקייט פון די הייליג תורה, מען איז זוכה צו לערנען גאר אסאך די הייליגע תורה, און מען קען איבערקומען פילע שוועריקייטן וואס דער יצר הרע שטעלט אונטער אז מען זאל נישט לערנען יעדן טאג כאטש אביסל תורה.

דער נייער מחזור אין תוספתא ברענגט א פרישע חשק פאר פילע אנשי שלומינו זיך אנצושליסן אין די לימודים. יעדע וואך קומט ארויס דער קונטרס "בי"ת נצחי", אין וואס עס איז ארייגעדרוקט די דריי לימודים פאר די גאנצע וואך, און אזוי קען מען עס גרינגערהייט מיטנעמען וואו מען גייט נאר, און אזוי וועט מען נישט פארפאסן א טאג אן די לימודים.

**גדול יהיה כבוד הבי"ת הזה!**

# מכבד זיין טאטע מאמע

א קלארע קורס אין כיבוד אב ואם

קול ברסלב

**212-444-9191**

1, 2, 1, 11, 1, 15

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >